START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring

150mm

6"

LINE

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 © Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1903.37

Burovik, K.
Mayzel der shadkhan,
oder, Gekoylet ohn a meser
: a tragikomedie in 3 akten.
Meksiko, 1929.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1903.37

Burovik, K
Mayzel der shadkhan, oder, Gekoylet ohn a meser : a tragikomedie in 3 akten / K Burovik.
Meksiko : Drukeray "Alma", 1929.
43 p. ; 21 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Mexico-Mexico

ID : NXYH01-B3697 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /4397

Reduction ratio X10.0

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

מייזעל דער שדכן

אָדער

געקוילעט אָהן אַ מעסער

א טראגי־קאמעדיע
אין 3 אקטען

— פון —

ק. בוראָוויק

פאַרפאַסער פון „די מכשפורת"
און „בערלזאָן און שמערלזאָן אין מעקסיקאָ"

2/4397

פרייז 1 פעזאָ

דרוקעריי „אלמא" סאָלעדאַד 24, מעקסיקאָ.
1929

2/4397

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

מייזעל דער שדכן

אָדער

געקוילעט אָהן אַ מעסער

א טראגי־קאמעדיע
אין 3 אקטען

— פון —

ק. בוראָוויק

פּאַרפֿאַסער פֿון „די מכשפות"
און „בערלזאָן און שמערלזאָן אין מעקסיקאָ"

פּרייז 1 פּעזאָ

דרוקעריי „אַלמאַ" סאַלעדאַד 24, מעקסיקאָ.
1929

אדרעס פון פארפאסער:
Capuchinas 118 - México, D. F
דרוק:
Imprenta "ALMA"
Soledad 24 - México, D. F.

אלע רעכטע פארבעהאלטען

Maisel, el Agente Matrimonial

o

Muerto sin Armas

Tragicomedia en 3 Actos

por

C. BUROWICK

Derechos Reservados.

México 1929.

פאררעדע

דאס אידישע אינטעליגענטע פובליקום אין מעקסיקא האט אויפגענומען מיינע צוויי פריהערדיגע ווערק מיט גרויס אינטערעס — ווען האט געפעלען מעהר „די מכשפות״, וועמען „בערלזאן און שמערלזאן״. גרויסע קריטיקער און מבינים אין מעקסיקא האבען פארשריען ביידע ווערק אלס „ניט ליטעראריש״, „ניט אויסגעהאלטען״. אייניגע גוטע פריינד האבען מיר געגעבען אן עצה: — „שוסטער, בלייב ביי דיין פלעקעל, פארקויף ניידה-מאשינען און מאך א לעבען אין מעקסיקא״. מעהר ערנסטערע און אויפגעקלערטע גוטע פריינד האבען מיר געזאגט: „שרייב ווייטער און קעהר זיך ווענינ וואס פאר קריטיק, שרייב ווי עס שרייבט זיך און וועסט באקומען א דאנק פון דעם אידישען לעזער אין מעקסיקא״— און דעם ראט פון אט די גוטע פריינד וועל איך פאלגען.

קליין איז געווען דער מאטעריעלער ערפאלג פון מיינע שאפונגען. א פארהעלטניסמעסיג קליינע צאל אידען האבען געקויפט מיינע ווערק, און דאך שרעק איך זיך ניט אב און קלעטער ווייטער אויף דעם האלב צובראכענעם לייטער פון די אידישע עפענטליכקייט אין מעקסיקא.

דאס פארליגענדע ווערק „מייזעל דער שדכן״ איז א שטיק לעבען פון די אידישע איינוואנדערער אין מעקסיקא. עס איז ניט קאפירט גענוי פון לעבען, דען א שרייבער איז ניט קיין חראניקער, ער כאפט ארויס שטריכען פון לעבען און ווארפט זיי ארויף אויפ'ן

פאַפּיר, ווי א מאָלער אויפ'ן ליינוואַנט. יעדער איינער אין מעקסי-קאָ וועט געפינען א שטיקעל פון זיין איך אין דעם ביכעל — און דאָך וועט עס ניט זיין ער. אזוי האט געקענט זיין, אָדער עהנליכעס איז געשעהן, אָבער קיין ווירקליכע פּאסירונגען אָדער כאַראַקטערע זיינען דאָ ניט באַשריבען.

דערמיט נעהם איך אָבשייד פון מיינע זעהר געעהרטע לעזער ביז צו מיין נעכסטען ווערק.

ד ע ר פ א ר פ א ס ע ר

ערשטער אַקט

פערזאָנען:

מייזעל — א שוחט און שדכן

שמערלזאָן — א רייכער מאַן, א אידישער כלל-טוער אין מעקסיקאָ

בערלזאָן — א כלל-טוער אין מעקסיקאָ, א ציוניסט

קריוואָנאס
פיסעלטאַנץ
נאדעל
אסטראָווסקי
בעזימאכער
שענקעל
גאָלדענטאל
מייער

} אידישע יונגע לייט, שרייבער און האַלב-שרייבער.

ערשטע סצענע

אין אַן אָרעמע וואוינונג אין דעם אידישען קוואַרטאַל אין מעקסיקאָ. מייזעל, א אידעל פון מיטעלען וואוקס, מיט א שיטערע בערדעל, פלינק אין זיינע באוועגונגען, די אויגען פינקעלנדע פול מיט לעבען, אין די מיטעלע יאָהרען, שטעהט אין מיטען צימער און רעדט צו זיך אליין.

מ י י ז ע ל

מען זאָגט, אז איך קוילע בהמות אָהן א מעסער. ס'א ליגען! איך בין א שוחט און קוילע בהמות און אָקסען און הינער און העגנער מיט א מעסער. פון וואַנעט נעהמט זיך פאַרש וואס מען זאגט, אז איך קוילע בהמות אָהן א מעסער? איך האב נאך קיין בהמה אהן א מעסער נית נעקוילעט. ביי אונז אין שטעטעל איז געווען א זייגערמאכער, האט מען געזאָגט, אז ער האט אויסגעטראכט א זייגער, זאָל געהן אייביג. ווייס איך וואס! א זייגער צו מאכען, וואס זאל געהן אייביג, איז אזוי ווי קוילענען א בהמה אָהן א מעסער. האט מיר אנומעלט אָנגעהאַפט אין גאס חיים שטיינברוך דער אבאַנערא, זאגט ער צו מיר: „סטייטש, רעב מייזעל, איר'ט מיר געקוילעט אָהן א מעסער! געוואלד, אזא שלאק, מען קען דאָך פון איהר ניט אויסהאלטען, רק זי גריזשעט און נענעט. אָט דאָס הייסט געקוילעט!" האב איך אים געענטפערט: „ביזט א גרויסע בהמה". האט ער צו מיר געזאגט: „אז איך וואלט קיין בהמה ניט געווען וואלט איר מיר נישט געקוילעט". אָט דאָס מאכט מיר דענקען, אז איך פאַרשטעה דעם פשט פון קוילענען אהן א מעסער. נו, זאגט אליין. וואס בין איך שולדיג? איך ברענג זיי צוזאמען, זיי קוקען זיך אין די אויגען, זיי שמייכלען איינע צו די אנדערע, דערנאָך געהט ער צו איהר אהיים און לינט דאָרטען אָב טאג און נאכט, דערנאך קומט ער צו מיר און זאגט: „געוואלד, רעב מייזעל, וואס וועט זיין דער סוף, ווי לאנג וועל איך זיך אזוי מוטשענען? חתונה האבען איז חתונה האבען! זאל מען שטעלען א חופה און פאַרטיג!" און דערנאָך האט ער צו מיר טענות: „איך האב איהם געקוילעט אהן א מעסער"! נו, זאגט אליין: איז ער ניט אַן אידיאָט? אלא, וואס דען? מוז מען דערפון דרינגען,

אז מותר לאדם מן הבהמה אין כי הכל הבל, וואס דער טייטש
הייסט, אז אלע זיינען זיי בהמות און נארנישטן. אז נישט וואלטען
זיי דאך נים געקראכען אונטערן הלף ווי די קעלבלעך. ס'איז אבער
דא אן אונטערשייד. אט צום ביישפּיל, פילע פון מיינע זוגים לע־
בען זיך גליקליך און זיינען מיר דאנקבאר. אט איז שמערלזאן גע־
ווארען א רייכער מאן, שפּילט א ראלע אין מעקסיקא, דריי מאל
געווען אויסגעוועהלט אין קלוב פאר פּרעזידענט, וואוינט זיך ווי א
גראף אין זיין אייגענע הויז אין קאלאניא ראמא. שוין געווען איינ־
מאל אין איירָאפּא אויף א לוסטרייזע, א צווייטען מאל אין ניריארק,
סאן פראנציסקא, לאס אנדזשעלעס. און בערלזאן איז א גאנצער
שמעלקע ביי די ציוניסטן. בערלזאן קומט אפילו נים אין רייכקייט
צו שמערלזאנען, אבער קיין ארעמאן איז ער אויך נים. און א ציר
ניסט איז ער א געוואלד. שייך א ציוניסט! מען זאגט, אז זיי הא־
בען אוועקגעשיקט פאר'ן קרן־קימת גאנצע 5000 פעזאס. נו, און
שמערלזאן? — וואס טוט נים אויף שמערלזאן פאר די אידישע קאלא־
ניע אין מעקסיקא! און זיין גאנצע פאמיליע האט ער אהער אראב־
געבראכט, שוועסטער און ברידער און פאטער און מוטער. שייך
שמערלזאן! איר שפּילט זיך מיט שמערלזאנען. ער איז דאך דער
ראטשילד פון מעקסיקא. צוויי אויטאמאבילען, א שאפער, צוויי
דינסטען אין הויז; ער פארשטעקט אפילו דעם אלטען אינדזשעניער
אראלף שטערן פאר'ן גארטעל. בערלזאן, אז ער זעהט מיר, איז
מעשה פריין. איהם, בערלזאנען, פאסט נים איך זאל איהם דערמא־
נען, אז מיר האט ער צו פארדאנקען וואס ער איז געווארען א מענש.
דערפאר אבער שמערלזאן איז גאר אנ'אנדער זאך. דערזעהט ער מיר,
דערלאנגט ער מיר גלייך די האנט, פרעגט מיר: „קאמא לע ווא, וואס
מאכט איר, רעב מייזעל, ווי געהט עס?” און איך זאל אזוי האבען
אזוי פיל גוטע יאהר וויפיל מאל ער האט מיר איינגעלאדען צו זיך
אהיים א יף טיי. אמת, פון שדוכים פאר זיינע שוועסטער און קחי־
נעם וויל ער נים הערען. ער זאגט, עס איז נים זיין עסק, נים טיינער.
„היינטיגע צייטען, זאגט ער, זיינען נים אמאליגע. עס איז נים נויי־
טיג, זאגט ער, אז איר זאלט זיי קוילענען אהן א מעסער. זיי וועלען
זיך שוין אליין קוילענען אהן א מעסער”. ער האלט נאך אליז. אז
ווען נים איך וואלט ער איצט געווען א פּרעפעסער אין וואנערזיטעט.

„און וואס — זאגט ער — אומשטיינס געזאגט האב איך דערגרייכט?
אן אייגענע הויז אין קאלאניא ראמא, א פאר אויטאמאבילן און 3
מאל אויסגעוועהלט צו ווערען פאר פּרעזידענט אין קלוב. סי גאר
נישט — זאגט ער — רעב מייזעל. ס'איז הבל הבלים. איך בין א
פארפאלענער מענש.” און דעם אמת זאגענדיג איז ער גערעכט.
פון שדכנות קען מען אינטצטיגע צייטען קיין לעבען נים מאכען. איז
וואס בלייבט? די שחיטה. ווער איך אבער עלטער און עס זיינען
שוין דא אין מעקסיקא גאנצע 4 שוחטים און מיר וועט מען באלד
איננאנצען ארויסטרייבען פון מארק. איז וואס וועט בלייבען מיט
דעם אלטען מייזעל?

(צום פּובליקום)

זאגט איר, גיט אנ'עצה.

(צופירט מיט די הענט, בלייבט שטעהען און קלערט און
טראכט גיט זיך א פּאטש אויפ'ן שטערן)

איך האב געהערט דערציילען עפּעס וועגען א גרויסען פילאזאף אין א
ווייטע מדינה. האט ער געזוכט אויפצוקלערען א גרויסע זאראטשע
אין האט נים געקענט. זיצט ער זיך אזוי אין א וואנע און קלערט.
זעהט ער, אז די וואסער הויבט זיך אויף אין וואנע און געפינט, אז
אזוי פיל וואסער וויפיל ער וועגט, אט אזוי פיל האט זיך אויפגעהוי־
בען. האט ער א געשריי געטאן: געפונען! געפונען! ווי איך בין א
גריך! און איז א נאקעטער ארויסגעלאפען פון באד. נו, להבדיל, איך
האב אויך געפונען מיין זאראטשע. נאך ווי געפונען. איך געה א־
רויסגעבען א אידישע צייטונג אין מעקסיקא. איי געלט, נו, וועל
איך אביסל צושנארען. מיינע קרובים אין ניריארק און טשיקאגא
וועלען נים געבען? און שמערלזאן וועט נים געבען? און בערלזאן,
אפילו א געהרג'עטער, וועט אויך געבען. און דער אינדזשיניער אראלף
שטערן וועט נים געבען? און דער קלוב וועט זיכער געבען. און
שרייבער וועל איך האבען ווי די הינט, דען ווער וועט דאס נים וועי־
לען זעהן זיין נאמען געדרוקט? און אנאנסען וועל איך נישט קרי־
גען? איי, איך אליין קען נים שרייבען, זאג איך אייך עס איז בלאטע.
וועט זרח, חיים, יאנקעל און משה פארבעסערן מיין שרייבען. און
צווייטענס מוז א רעדאקטאר קענען שרייבען? דערפאר איז ער דאך
א רעדאקטאר און וואס א רעדאקטאר שרייבט מוז זיין גוט, אז נים

וואלט ער דאך קיין רעדאקטאר ניט געווען. און די ציימונג וועט הייסען „מייזעל'ס בלאט". אט זעהט איהר איך קען ניט שרייבען.

(לייענט פון א פאפיר)

מייזעל'ס בלאט איז פול מיט וויטצען,
גראמען שארף און פול מיט שפיטצען.
ווערטער שרייב איך ריינע פערל,
דא א רעטיך, דא א מעריל.
דעם א קניידעל פול מיט שמאלץ,
דעם א פעסטען קלאפ אין האלז.
עס וועט פרעהליך זיין, ליהודים,
מיינע שרייבער, מיינע חסידים
וועלען אלע טאנצען, שפרינגען,
לויבען, מיין טאלאנט באזינגען.
מייזעל'ס בלאט וועט פעסט רעגירען,
ביי דער נאז זיי אלע פירען.

צווייטע סצענע

קריוואנאס, פיסעלמאנץ, גארטל, בעריסמאנצער, שמקיל, גאלדענכאל, אכבראווסקי, מייזל.

(קומען אלע אריין אויף א מאל)

קריוואנאס

רעב מייזעל, א גוטעניאר אויף אייך. גלייך ווי איך האב דערהערט אז איר גיט ארוים א ציימונג, בין איך געקומען צו לויפען. שרייבען און רעדען איז מיין צווייטע נאטור. אום צו זיין א רעדנער, א טרער, א טאלאנט, א שרייבער, דארף מען נאר האבען חשק. דאס איבריגע איז אלץ נארנישם. נים א קוק אויף מיר, רעב מייזעל. איך בין קאם דורכגעגאנגען א שקאלע, פונדעסטוועגען בין איך א געבילדעטער מאן. קום איך אויף א פארזאמלונג רעד איך אויף פייער און אויף וואסער. ווערטער, אויב עס פעהלט, מאך איך ווערטער. א דאנה! פארשטעהט איהר מיר. פון די וואס פארשטעהען לאך איך זיך אוים און די וואס פארשטעהען ניט האלטען מיר פאר א גרויסען מאן. א קלייניקייט ווען איך זאג: אספיראציע, דילואציע, מאבילזאציע, עקסצעססיוו, אפראפריאטיוו, איניציאטיוו, מיינט מען אז איך האב געענדיקט אוניווערזיטעט, און אז איך בין דער גרעסטער מענטש אין מעקסיקא.

פיסעלמאנץ

איך בין נישט אזא געבילדעטער מאן ווי קריוואנאס, אבער שרייבען קען איך. דער בארימטער שרייבער פיסעלמאנץ אין ניו־יארק איז מיינער א גלידשוועסטערקינד און דאס אליין מאכט מיר שוין פאר א גרויסען שרייבער. אלע זאגען אז איך בין א גרויסער פאעט און מיר די נייע פארשטעקען די אלטע פאעטען ווייט פארן גארטעל. פושקין, לערמאנטאוו, געטהע, בייראן, פרוג, פרישמאן דינען שוין אבגעלעבט. די וועלט געהערט צו די יונגע און די יונגע רעפרעזענטירען מיר. איך מיין טאקע מיר אליין דהויפטזעכליך. איר דארפט נאר ארויסגעבען די ציימונג הערט איר זעהען וואס פאר וונדער מיר

וועלען באוויזען. הערט מיר לעזען, רעב מייזעל.

(לייענט פון א פאפיר)

אלע בהמות וועלען טאנצען,
ווען זיי הערען פיסעלטאנצען.
און מיין שרייבען, אך מיין שרייבען
וועט די בערען גלייך פארטרייבען.
מיינע פראזע, מיינע גראמען
און טראגעדיעס און דראמען
און סאנעטען, מאדריגאלען
וועלען מאכען בוימער פאלען.
פערד וועלען הירזשען, קען מיאאוקען
ווען איר וועט מיין שרייבען דרוקען
און די לידער, מיינע לידער
וועלען היילען אלע גלידער.

גאדעל

איך בין א שרייבער פון גאט'ס גנאר. איך שרייב וויל עס שרייבט זיך. איך האב זיך אויסגעלערנט לייענען ווען איך בין געווען 20 יאהר אלט. קיין חומש קען איך נים, אבער קארל מארקס תורה יע. איך פארטרעט דעם בונד און די אידישע ארבייטער אין מעקסיקא.

אסטראווסקי

שרייבען שרייב איך גוט, אלע זאגען אזוי, מיין פאעזיע פארשטעה איך אליין נים, אבער אין דעם באשטעהט די שענקייט פון דעקא-דענטיזמוס און פוטוריזמוס. מיר וועלען פוטוריזירען די ציימונג. איך שטעה אייך צו הילף, רעב מייזעל.

בענים מאכער, שענקעל, גאלדענטאל, מייער

מיר זיינען געווען און וועלען בלייבען שרייבער. מיר שטעהען אייך צו הילף, רעב מייזעל.

מייזעל

גאנץ פיין. איר קענט זיין זיכער אז אלץ וואס איר וועט שרייבען וועט אריין אין די ציימונג. איצט פעהלט אונז נאר איין זאך — געלד. דאס וועלען מיר קריגען.

(די שרייבער געהען ארויס איינער נאך דעם אנדערען און מיי-זעל זאגט צו זיי:)

אדיאס! אדיאס! מיר'ן באלד האבען א אידישע ציימונג אין מעקסיקא.

דריטע סצענע

(מייזעל און שמערלזאן באגעגנען זיך אין גאס, באגריסען זיך און דריקען זיך די הענט)

מייזעל

סעניאר שמערלזאן, ליידט מיר אויס אביסל געלד. איך פאנג אן א נייע געשעפט.

שמערלזאן

וואס פאר א געשעפט, רעב מייזעל?

מייזעל

איך גיה ארויסגעבען א ציימונג.

שמערלזאן

וואס פאר א ציימונג? פאר שדוכים?

מייזעל

וועך וואס מיר שדוכים. שדוכים זיינען אויף צרות. קיינער וויל ניט

וויסען פון א שרבן.

ש מ ע ר ל ז א ן

נו. ווילט איר הייסט דאס איך זאל שרייבען ביי אייך אן ארטיקעל. מיט'ן גרעסטען פארגעניגען.

מ י י ז ע ל

אך, סעניאר שמערלזאן! ווי קומט איר צו שרייבען אין א ציימונג? דאס איז גוט פאר אזעלכע האלעדריגעס ווי איך, קריוואנאס, פיסעג־טאנץ, גארעל, אסטראווסקי, מיער און נאך אזעלכע וואס ווילען מא־כען א לעבען און קענען נים, אבער איר א באוז'רגטער מענטש דארפט זיך ניט מאכען צום נארען.

ש מ ע ר ל ז א ן

הייסט דאס איר ווילט מאכען די ציטונג א קרדום לחפור בו, אן אקעראייזע מיט וואס צו אקערן?

מ י י ז ע ל

ווער אקערט, וואס אקערן? ווער וויל דאס אקערן? זאלען יענע טשור טשיקעס אקערן מיט'ן נאז. איך ווער דער רעדאקטאר און ארויס־געבער.

ש מ ע ר ל ז א ן

עקר הדבר, זאגט וויפיל ווילט איר.

מ י י ז ע ל

לאזט מיר נים פאלען סעניאר שמערלזאן וויפיל איר קענט און וויפיל איר ווילט.

ש מ ע ר ל ז א ן

און' ארטיקעל ועט איר אננעמען?

מ י י ז ע ל

וואס פאר אן ארטיקל?

ש מ ע ר ל ז א ן

א שטיקעל פאעזיע פון בען שטרויכער.

מ י י ז ע ל

אנו, לייענט.

(שמערלזאן לייענט פון א פאפיר)

דער נביא

אזוי האט גאט צו מיר געזאגט.
שטעה אויף מיין נביא, זעה עס טאגט,
און נעהם דיין שטעקען אין די האנד
און געה ארום פון לאנד צו לאנד,
פון שטאט צו שטאט, פון בארג צו טאל
זעה אז מיין ווארט דערגרייכען זאל
צו אלע מענטשען קליין און גרוים
פון פלאץ צו פלאץ, פון הויז צו הויז.
און שלאף נישט ווי דו שטעהסט ביי טאג
און הייל זיך, שפור זיך לויף און יאג
און מיט א הויכע שטימע רוף
און ווי א דונער וועק זיי אויף.
זאג זיי: אזוי האט גאט געזאגט:
מיין רוף צו אייך מיין נביא טראגט
און הערט זיך איין און הערט מיר אוים,
א מענער, פרויען קליין און גרוים.
צו יעדען פאלק, צו יעדען לאנד
דערגרייכט מיין ווארט, דערגרייכט מיין האנד.
פאר מיר זיינען אלע מענטשען גלייך,
נישטא קיין ארעם און קיין רייך.
מיין זעגען קומט צו אלע די
וואס ארבייטען מיט פלייס און מיה.
אין אלץ וואס דינט דעם מענטשענ'ס גוט
אין דעם מיין ווונש און שטרעבען רוהט.

מ י י ז ע ל

איך וועל צונעמען, סעניאָר שמערלזאָן. מיר'ן זעהן וואס די רעדאַקטאָרען וועלען זאָגען. איך בין א קנאפער מבין אויף פּאָעזיע. אבער איך גלויב מיר'ן אָננעמען.

ש מ ע ר ל ז אָ ן

נאָט אייך צעהן פּעזאָס. מיר'ן זעהען וואָס פאר א צייטונג דאָס איז וועל איך אייך געבען מעהר.

מ י י ז ע ל

גוט. א גוטער אנפאנג. מיר'ן זעהן וואָס ווייטער. א שענעם דאנק, סעניאָר שמערלזאָן.

פירטע סצענע

(מייזעל און בערלזאָן באַגעגנען זיך אין גאַס)

מ י י ז ע ל

א גוטען טאָג אייך, פּאַניע בערלזאָן.

ב ע ר ל ז אָ ן

וואָס גוטס וועט איר זאָגען, רעב מייזעל.

מ י י ז ע ל

איך גרינד א אידיישע צייטונג אין מעקסיקאָ. אויף וויפיל פאַרשרייבט איר זיך?

ב ע ר ל ז אָ ן

איך גיב נישט אויף צייטונגען. מיר ציוניסטען גרינדען א צייטונג אליין

מ י י ז ע ל

ווער וועט ביי אייך שרייבען?

ב ע ר ל ז אָ ן

קריזואנאס, פיסעלטאַבן, גאַדעל, בעזימסמאַכער, שענקעל, גאָלדענטאל, אַסטראָווסקי, מייער. פון שוואָגער שמערלזאָן האָט זיך פאר שריבען פאר גאנצע 50 פּעזאָס.

מ י י ז ע ל

(כאַפּט זיך אָן פאַר'ן קאָפּ. צופרט מיט די הענט)

אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! וואָס איך הער!

ב ע ר ל ז אָ ן

ביי וועמען שרייבט בען שטרוכער?

מ י י ז ע ל

שמערלזאָן האָט מיר געגעבען זייגס א לידעל. איך וועל זעהן אויב די רעדאַקציע וועט דאָס אָננעמען. אדיאָס, סעניאָר בערלזאָן, מען מוז געהן ווייטער.

פינפטע סצענע

אין אנ'אָרעם מעבלירטען צימער. די רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע: קריזואנאס, פּיסעלטאַבן, גאדעל, בעזימסמאַכער, שענקעל, גאָלדענטאל, אַסטראָווסקי, מייער.

עס הערט זיך א געשריי, א לאַרם. אלע רעדען מיט אמאָל, יעדער איינער שרייט איבער דעם אנדערען.

פ י ס ע ל ט א נ ץ

(העכער פון אלעמען מיט א קוויטשעדיג הייזעריגען קול)

מיר'ן קיינעמ'ס ניט אננעמען אויסער אונזערע. מיר'ן קיינעם ניט לאזען שרייבען. מירן שרייבען אי אין די ציוניסטישע אי אין די אוטפארטייאישע. מיר דארפען מאכען א לעבען.

א ל ע א ו י ף א מ א ל

נערענט! קיינעם ניט צולאזען. ארויסשטופען, ארויסווארפען. מיר זיינען געננוג. מען קען קיינעם מעהר נישט צולאזען.

אַ ס ט ר אָ ו ו ס ק י

מיר'ן נאר צולאזען די וואס שרייבען ניי. און אונטער ניי פארשטע-הען מיר אלע: גראמען זאלען זיך ניט קלעפען, געדאנקען זאלען זיין ווילד, אויסטערליש. שכל-שמיכעל. ווער דארף שכל? מיר'ן מא-כען עס זאל טאקע זיין ניי ווי עס דארף צו זיין.

ועקסטע סצענע

(דיזעלבע און בערלזאן)

ב ע ר ל ז אָ ן

פריינד רעדאקטארען. איר האט זיך אונטערגענומען ארויסצוגע-בען די „ציוניסטישע פאהנע". האט איר שוין אייערע ארטיקלען פארטיג?

ק ר י ו ו א נ א ס

סעניאר בערלזאן, מיר האבען שוין אבגעמאכט ועגען דעם. איך ווער רעדאקטאר פון די „ציוניסטישע פאהנע" און פיסעלטאנץ איז

רעדאקטאר פון „מייזעל'ס בלאט". אלע ארטיקלען פון ביידע צייטונגען ועלען דורכגעהן דורך אונזערע רעדאקציאנס-קאלעגיע. אין דער „ציוניסטישער פאהנע" ועלען מיר שרייבען ריין ציוניסטיש, נאציאנאליסטיש און אביסעל רעליגיעז. אין „מייזעל'ס בלאט" ווע-לען מיר שרייבען ראציאנאליסטיש, אנטירעליגיעז, אינטערנאציאנא-ליסטיש, אביסעל סאציאליסטיש און אויך קאמוניסטיש. אזוי ארום ועלען מיר צופרידענשטעלען דעם מעקסיקאנער אידישען פובליקום.

ב ע ר ל ז אָ ן

אויב אזוי בין איך צופרידען. הויבט אן ארויסצוגעבען די צייטונגען. אנאנסען האבען מיר שוין. מען קען שוין איבערגעבען דעם מאטער-יאל צו די דרוקער.

זיבעטע סצענע

דיזעלבע, מייזעל.

מ י י ז ע ל

(קומט אריין, רייבט זיך די הענד)

איז ההייסט דאס, קינדער, אלץ איז פארטיג. געלד איז שוין דא. א דרוק איז שוין דא און שרייבער גאט צו דאנקען אויך. איר זייט פארטיג מיט די ערשטע נומער „מייזעל'ס בלאט"?

אַ ס ט ר אָ ו ו ס ק י

פארטיג, מר. מייזעל. מיר קענען שוין באלד דרוקען.

מ י י ז ע ל

שמערלזאן האט מיר איבערגעגעבען עפעס צו דרוקען. עס איז בען שטרויכער'ס א ליד. זעהט אויב עס איז גוט און נעמט דאס אן.

אַ ס ט ר אָ ו ו ס ק י

ווייזט אהער, רעב מייזעל, לאמיר עס לעזען (נעמט דאס געדיכט „דער

נביא״ לעזט עס דורך) עס טויג נישט, נישט דרוקבאר. עס איז נישט קיין פּאָעזיע, עס פּאַסט ניט פאר אונזער בלאַט.

ק ר י וו א נ א ס

אנו, ניט אהער. אפשר פּאַסט עס פאר די „ציוניסטישע פאהנע״ (לעזט עס דורך פאר זיך) עס איז ניט קיין פּאָעזיע, ניט קיין פּראָזע. עס טויג ניט פאר די פאהנע (גיט עס איבער פּיסעלטאַנצן).

פ י ס ע ל ט א נ ץ

(לעזט פאר זיך)

עס טויג נישט. דאָ איז נישטאָ קיין וועלט־שמערץ. די גראמען און דער מעטער זיינען אין אָרדנונג. עס איז אלט. עס טויג ניט.

מ י י ז ע ל

הייסט דאס, עס טויג ניט.

א ל ע א נ י ך א מ א ל

נאָך ווי עס טויג ניט.

א ס ט ר א וו ס ק י

בען שטרויכער איז נישט קיין שרייבער, נישט קיין פּאָעט, נישט קיין דענקער, א פּאַרטאטש, א לאפּאצאַן.

מ י י ז ע ל

אויב אלע רעדאַקטאָרען זאָגען, אז עס טויג נישט, טויג עס נישט מסתמא ווייסען זיי וואס זיי זאָגען. נישט אננעמען. (צו בערלזאָנען) אנו בערלזאָן, לאָמיר טרינקען לחיים צו אונזערע צייטונגען. זאָלען זיך ביידע צייטונגען געהן בשלום און קיינע רייסעריי'ען דארפען ניט אָרקומען. דאס האבען מיר שוין באזאָרגט. מיר וועלען אויפטאָן עפּעס גרויסאַרטיגעס, בערלזאָן.

(אלע טרינקען און רופען אויס:)

לחיים! לחיים! עס לעבע מייזעל'ס בלאט! עס לעבע די ציוניסטישע פאהנע! לחיים, לחיים!

צווייטער אַקט

פערזאָנען:

שמערלזאָן —	ווי ערשטער אקט
בערלזאָן —	
קריוואַנאַס	
פיסעלטאַניץ	
נאַדעל	
אַסטראָווסקי	ווי ערשטער אקט
בעזימאַכער	
שענקעל	
נאַלדענטאַל	
מייער	
בען שטרויכער	א שרייבער און אינטעלעקט
אדאָלף שטערן	אינזשעניער, אן עלטערער אינטעליגענטער מאן
טעלמאַ	זיין פרוי
אדעלאַ	שמערלזאָנ׳ס פרוי
פאַנני	בערלזאָנ׳ס פרוי
גרינבערג	צוויי קויפלייטע אין מעקסיקא
פינקעל	

ערשטע סצענע

א מיטינג אין שמערלזאָנ׳ס הויז. הויז רייך פארפוצט, ווייכע מעבעל, שיינע בילדער און שפיגלען, טאפעטען.

שמערלזאן, אדעלא, אדאלף שטערן, טעלמא, בערלזאן, פאנני, גרינבערג, פינקעל בען שטרויכער, זיצען ארום א לאנגען טיש.

שמערלזאָן

אלזאָ מיינע פריינד. איר ווייסט פארוואס מיר האבען צוזאמענגע־רופען היינטיגען מיטינג. איינע אונפּאַראַנטוואָרטליכע יונגע לייט מיט מייזעל דעם שדכן בראש האבען זיך צוזאמענגענומען און האבען געגרינדעט צוויי צייטונגען און האבען זיך פארנומען באלעבא־טעווען איבער די אידישע אימיגראציע אין מעקסיקאָ. וואָלטען דאס געוועזען סעריעזע מענטשען און וואָלטען זיי געגרינדעט די צייטונג פאר זייער אייגענע געלט, וואָלט נאָך געוועזען ווי צו דערליידען. אבער די צייטונגען זיינען געגרינדעט געוואָרען פון נדבות פון די שטאטען און פון געלט וואס זיי האבען צוזאמענגענומען. קיין פעסטגעשטעלטע אידייען און געדאנקען האבען זיי נים. די צייטונגען זיינען פול מיט נארישקייטען פון אָסטראָווסקי, קריוואנאס, נאדעל און פיסעל־טאניץ אָדער בטלנות פון מייזעל דעם שדכן און נאָך אזעלכע. אלזאָ האבען מיר באשלאָסען זיך צוזאמענצוקומען און גרינדען א סעריעזע צייטונג מיט א פאראנטוואָרטליכען רעדאקטאָר, וועלכע זאל ווירק־ליך אויסדריקען די מיינונג פון די אידישע באפעלקערונג און דינען פאר איר אונפארטייאישען אָרגאן.

אדאָלף שטערן

צווישען די וואס זיינען דאָ היינט פארזאמעלט איז קיין צוויי מיינונגען נישטאָ אז מען דארף האבען א ריכטיגע צייטונג אין דער אידישער שפראך און איך גלויב אז מיר האבען נים קיין פאסענדערען רעדאק־טאָר ווי בען שטרויכער. ער איז א שרייבער מיט רויכע בילדונג, מיט א מעסיגען, געזעצטען האראקטער און שוין נישט קיין יונגער מאן, מיט גרויסע ערפארונג.

ב ע ר ל ז א ן

איך בין גענוען איינער פון די וועלכע האבען געהאלפען שאפען די ביידע צייטונגען, אבער איך האב באלד באמערקט אז ווייט וועלען זיי ניט געהן. איבריגענס האבען זיי מיר שוין לאנג ארויסגעווארפען פון די רעדאקציע און מייזעל דער שדכן איז ביי זיי דער גאנצער פיי־רער. איך שליס זיך אן אן די מיינונג פון אדאלף שטערן אז בען שטרויכער זאל ווערען רעדאקטאר פון די אידישע שטימע אין מעקסיקא.

ג ר י נ ב ע ר ג

איך און מיין שותף פינקעל זיינען אויך איינפארשטאנען צו העלפען אויפבויען א סעריעזע אידישע צייטונג אין מעקסיקא.

ש ט ע ר ל ז א ן

וואס זאגט איר, בען שטרויכער? איר נעמט אן?

ב ע ן ש ט ר ו י כ ע ר

איך נעם אן און וועל זעהן צו טאן מיין ארבייט געוויסענהאפט. איך האב גאר קיין צווייפעל ניט, אז עס וועלען זיין א סך שטערונגען און אז די ארבייט איז ניט קיין לייכטע. אבער גראד ווייל עס איז אזוי נעם איך אן אום פון איין זייט דורכצופירען מיינע פרינציפען און גרונדגעדאנקען, פון דער אנדערער זייט צו איבערציינגען אלע מיינע גוטע פריינד דא וועלכע האבען מיר אנפערטרויט דעם אמט, אז זייער פארטרויען אין מיר איז ריכטיג און אז זיי וועלען זיך ניט האבען צו באקלאגען געגען מיר און איך דענק צו ארבייטען ערנסט און געטריי צו מאכען די צייטונג פאר נוצליך און פאסענד פאר אלע איינגעוואנדערטע אידען אין מעקסיקא.

א ד א ל ף ש ט ע ר ן

מיר וועלען גלייך צוגעהן צו די ארבייט. מען דארף האבען 5000 פעזאס. איך גיב 500. לאמיר גלייך פארשרייבען.

ש ט ע ר ל ז א ן

איך גיב 1000 פעזאס.

ט ע ל מ א

איך גיב 100 פעזאס פון מיין געלט.

א ד ע ל א און פ א נ נ י

מיר גיבען אויך צו הונדערט.

פ י נ ק ע ל

איך און מיין שותף גרינבערג גיבען 200 פעזאס.

ב ע ר ל ז א ן

די איבריגע געלט איז אזוי גוט ווי געשאפען. א דרוקעריי און א זעצער איז שוין אויך דא.

ש ט ע ר ל ז א ן

לאמיר איצטער נעמען עטוואס צובייסען און רעדען פון פרעליכערע זאכען.

א דינסט טראגט אריין סערוויזען און אלע פארבייסען. די אנוועזענדע בלייבען נאך א קורצע צייט אין פריינדליכען געשפרעך און צוגעהען זיך ביסלעכווייז.

צווייטע סצענע

אין די רעדאקציע פון די „אידישע שטימע"

ב ע ן ש ט ר ו י כ ע ר

(צו זיך אליין)

אונזער צייטונג איז אוועק ווי געשמירט. יענע צייטונגען האבען

פארלוירען זייער איינפלוס. קיינער וויל זיי אין האנט ניט נעמען. זיי זיינען שוין אזוי גוט ווי צוגעמאכט. אונזער צייטונג גיט נייעס, גיט ריכטיגען ליטעראַרישען שטאָף און די מיטארבייטער וועלכע איך האב אריינגענומען האב איך ביסלעכווייז איינשטודירט וואס און ווי אזוי זיי דארפען שרייבען. אלע זיינען צופרידען פון אונזער צייטונג.

דריטע סצענע

עס געהען אריין: קריוואנאס, גאדעל, אָסטראווסקי, פיסעלטאנץ, מייער, בע-זיממאכער, שענקעל, גאלדענטאל.

ק ר י ו ו א נ א ס

סעניאָר שטרויכער. די „פאַרהנע" איז שוין פארמאכט. איך באָט אייך אן מיין ארבייט. איך וועל שרייבען פאר די „אידישע שטימע". איך רעד אין נאמען פון אלע מיינע קאמעראדען. מיר גיבען אויף ביידע צייטונגען און געהען איבער אין די „שטימע".

אָ ס ט ר אָ ו ו ס ק י

אָהן אונז וועט איהר, סעניאָר שטרויכער, סיי ווי ניט קענען אנגעהן מיט דער ארבייט. מיר וועלען אייך צושטעלען די ליטעראַרישע אר-טיקלען וועלכע איר דארפט האבען פאר אייער צייטונג און מיר האַבען שוין די נויטיגע ערפארונג.

ג א ד ע ל

אויך דארפט איר האבען ארטיקלען איבער די ארבייטער-באוועגונג. מיר'ן ארבייטען פאר אייער צייטונג.

פ י ס ע ל ט א נ ץ

און ווי איר ווייסט, שטרויכער, זיינען מיר די איינציגע ליטעראַרישע

קרעפטען אין מעקסיקאָ. איך מיין טאקע מיר אליין, דעם בעסטען און גרעסטען פון אלע, פרעגט גאנץ מעקסיקאָ וועט מען אייך זאגען.

ב ע ן ש ט ר ו י כ ע ר

איך בין צופרידען אייך אריינצונעמען אין די רעדאקציע. איך דארף האבען ריכטיגע שרייבער און איר זייט טאקע די ריכטיגע מענשען וועמען איך דארף האבען. איך דאנק אייך פאר די הילף וואס איר האט מיר אָנגעבאָטען און איך נעהם זי אָן מיט פארגניגען. פאר-שטעהט זיך איך נעהם אן אונטער א געוויסע באדינגונג, און די באדינגונג איז אז נישט אלעמען פון אייך קען איך אריינגעמען. ווייל ניט אלע וועלען זיך פאסען פאר א סעריעזע צייטונג, פאר וועלכע איך בין געמאכט געוואָרען דער פאראנטוואָרטליכער רעדאקטאָר.

פ י ס ע ל ט א נ ץ

מיר געהען איין אויף אייערע באדינגונגען. וועמען פון אונז ווילט איר אויסשיידען?

ב ע ן ש ט ר ו י כ ע ר

אייך פיסעלטאנץ דעם ערשטען. א מענטש ווי איהר, יונג אין יאה-רען מיט ווייניג בילדונג, מיט א זעהר קורצען שכל, מיט א סך חוצפה מיט א קליינטשיקען טאלאנט— איר דענקט אז אלע וועלען אייך האלטען פאר א גרויסע ליטעראַרישע קראפט וויל איר וועט שריי-בען איבעראל אז מען קען אייך אין מעקסיקא פאר א גרויסען טא-לאנט. עס איז נישט גענוג אז איר אליין האלט זיך האלטען פאר א גרויסען— ביז איצטער האט מען פון אייך געזעהען נאָר חוצפה און גרויסהאלטעריי, אבער קיין בילדונג קיין ערפאַרונג קיין קענט-ניס אויף וואס פאר עס איז געבית— געהט און לערנט און לערנט און האלט זיך ניט אזוי גרויס און לערנט אביסעל ווי זיך צו באנעמען צווישען מענטשען. דאן וועט איר נעמען די פעדער אין די האנד און אויפשרייבען עפעס וואס זאל צוציהען דעם עולם און דאן ערשט וועט מען אייך האלטען פאר דאָס וואס איר ווילט מען זאָל אייך איצטער האלטען. איר קריוואנאס, זייט עהרליך צו זיך אליין, מיינט נישט אז עס איז גענוג דורכצולעזען א פאָר ביכלעך און זיין א רעד-

נער, א פובליציסט. איר האט א סך פעהיקייטען און גרויסע אנלאנגען, אבער איר זייט צו פיל סוחר צו פיל דרעהער און איר זייט איבערצייגט אז איר דארפט נאָר ווייזען אייער סחורה פון די גלענצענדע זייט אז מען זאָל אייך געבען אנערקענונג. אלע גרויסע מענער האבען געארבייט שווער און ביטער איידער זיי האבען דערגרייכט זייער גרויסקייט און עס האט זיי גענומען צעהנדליגע פון יאהרען. נאר א געניוס קען ווערען א גרויסער מאַן אין זיינע יונגע יאהרען. אויך אייך זאג איך: לערנט, שטודירט וויסענשאפטען און דאס לעבען אליין און דאַן ערשט קומט אין די עפענטליכקייט און אויב איר האט עפעס צו זאגען וועט אייך דאס דענקענדע אינטעליגענטע פובליקום אויסהערען און אָבשאצען. מיט אייך, אָסטראָווסקי, וועל איך נאר ניט דיסקוטירען. איך בין זיכער אז וואס איך וועל אייך זאגען וועט אייך אין די לינקע פאה ניט אריין. די איבריגע אויב זיי וועלען שרייבען גוטע ארטיקלען וועל איך זיי אננעמען.

עס ווערט א קליינע מהומה אין דער רעדאקציע. די אויסגעשידענע קוקען זיך אָן אייבע די אנדערע און בלייבען שטעהען ווי פארגליווערט. הינטער דער סצענע הערט מען מייזעל דעם שרכן שרייען און וויינען: „געוואלד, אָהן א מעסער האבען זיי מיר געקוילעט!“

פאָרהאַנג פאלט.

דריטער אַקט

צוויי יאהר שפעטער.

פערזאָנען:

מארקוס מייזעל	— אן אבאָנערא, געזיכט גלאט ראזירט, מיט קליינע, שווארצע, עטוואס געפארבטע וואָנסעלאך א־לא טשאַרלי טשעפלין, דער געוועזענער מייזעל דער שדכן.
שפרה	— זיין פרוי.
שמערלזאָן בערלזאָן	ווי אין ערשטען און צווייטען אקט.
קאלטערמאן אויגוסטאָווסקי גרינבערג פינקעל	אנגעזעהענע מיטגלידער פון די אידישע געמיינדע אין מעקסיקא.
בען שטרויכער	— ווי אין צווייטען אקט.
קריוואנאס	א יונגער קאָכלעפעל און שרייבער.

א גרויסע צאָל אידען פרויען און מענער פון די אינ־טעליגענטערע קלאס וועלכע קומען צום מיטינג.

ערשטע סצענע

אין א זוהנונג ארפין צווייטען שטאָק אין 318 גוואטעמאלא וואס באשטעהט פון 3 צימערן נישט גאנץ ליכטיג, נישט גאנץ פינסטער, מיט מעבעל עטוואס אלט און אבגעקראָכען. מיססיס מייזעל פאָרעט זיך אין קיך ארום דעם מיטאָג. מייזעל זיצט אין עס־צימער ביים טיש און קוקט טיף אריין אין די ביכער, מאכט רעכנונגען, פארגלייכט, קוקט נאך מאר־חעטלעך, שרייבט און קוקט אין די ביכער און פארשרייבט ווידער. מיי־זעל האט זיך שוין אפגעגאָלט די בערדעל, האט זיך אנגעטאָן אין קור־צע קליידער, זעהט ארויס פיל איינגער ווי ער איז. די וואָנסעס האט ער זיך ארומגעשאָרען און געמאכט זעהר קליין, זעהט אויס אין גאנצען א צווילידערטער מענטש.

מ י י ז ע ל

(צו זיך אליין)

אָט ווי לאנג איז עס געוועזען ווען איך בין נאך געווען א שדכן, ווי איך האב געהאַט אויסצושטיין געבראָכענע צרות, געדאַרפט לויפען און שמייעגען און הנפּענען זיך און ווארטען מען זאָל מיר מכבד זיין מיט א קעלישיק בראַנפען. דערנאָך די צרות מיט די רעדאקציעס. גע־ווארען א רעדאקטאָר אויף מיינע שונאים׳ס קעפ. דאנקן גאָט פטור געוואָרען פון די רעדאקציעס, ליקווידירט דאס געשעפט מיט די צייט־טונג, גענומען די פאר סענט און געווארען א מענטש מיט מענטשען גלייך. שוין צוויי יאהר ווי איך בין אן אבאָנערא, דאס געשעפט געהט גלענצענד. אין קלוב בין איך אנ׳אנגעזעהענער מעמבער און איך שטעק זיי דאָרטען אלעמען אריין אין גארטעל. איך הייס שוין נים מייזעל דער שדכן נאָר טאקע מארקוס מייזעל און מען רעכענט זיך מיט מיר. איך בין איצטער אנ׳אמת׳ע קדאפט. שרייבען ריכ־טיג קען איך נאך אלץ נים, דערפאר אבער האב איך א לשון און זאָל זיך דער היטען ווער עס פאלט מיר ארויף אויף די צונג. און דעם אמת זאָגענדיג, ווי קום איך צו ווערען א שדכן? אין דערהיים בין איך געווען אנ׳עקססטערניק און אבגעוועזען א יאהר אין בערן, גע־

קלערט אריינצוגעהן אין די אוניווערזיטעט. איצטער דערצייל איך אלעמען, אז איך בין געווען א שטודענט אין די בערנער אוניווערזיטעט און האב געהאלטען ביי ענדיגען דאקטאר מעדיצין. מיין פרוי האב איך געהייראט אויס ריינער ליבע און איר אוועקגענומען ביי דעם רייכען גאלדשטיינען, וועלכער איז פאר צרות געשטארבען. אבער אלץ דאס איז שוין לאנג פארגעסען. איך הייס איצטער מארקוס מייזעל און בין א מאכט אין שטאט און ווער עס הערט מיר ניט קריגט פון מיר אין טאטען אריין און איך שעם זיך פאר קיינעם ניט און מייזעל איז מייזעל פארשטעהט איר מיר.

(שטעלט זיך אוועק אין מיטען צימער אין א דראמאטישע פאזע, גיט א קלאפ מיט'ן פיס און רופט אויס הויך: „מאלטשאט.” מיט א רוהיגערע שטימע:)

שפרה, גיב עפעס עסען.

צווייטע סצענע

מייזעל און שפרה זיין פרוי.

שפרה— א פרוי פון א יאהר 50, מיט א ווייסען פארטוך. די האר שען פאר-פוצט, הויך, מיט שפורען פון פריהערע שענהייט, קומט אריין מיט א שיסעל זופ און פלייש פון וועלכע עס געהט א פארע, שטעלט אוועק די שיסעל אויף א לעדיגען ארט, נעמט אראב די ביכער און רעכנונגען פון טיש, באדעקט דעם טיש מיט א ווייסען טישטוך, גרייט צו דעם טיש ווי געהעריג און ביידע זעצען זיך עסען.

ש פ ר ה

נו מארקוס'ל, שוין אבגעמאכט די רעכנונגען. ווי ווייזט זיך דער באלאנס?

מ י י ז ע ל

שעהן. א היבש ביסל געלט אין די באנק. א גוטע פאר טויזענד פער זאס ווארע צוווארפען איבער'ן שטאט. עס וואלט שוין געווען צייט צוצונעמען א דינסט, שפרה, און איבערקלייבען זיך אין קאלאניא ראמא אין א שענע וואוינונג. נאך זעקס מאנאטען זיך אבבלאנען און דאן היידא נאך קאלאניא ראמא.

ש פ ר ה

נו און קיין ארעמע וואוינען ניט אין קאלאניא ראמא?

מ י י ז ע ל

וואוינען וואוינען אויך ארעמע דארטען, אבער קאלאניא ראמא קלינגט פארט בעסער. מיר מוזען געהן וואוינען ווו די רייכע וואוינען, צייט זיך צו ווייזען פאר די וועלט. מארקוס מייזעל איז ניט אבי ווער, אויך א גביר.

ש פ ר ה

און איך וואלט אויך געוואלט ווערען מיט מענטשען גלייך. אין פרויען פאראיין האבען די גאנצע דעה נאר די בערלזאן און שמערלזאן און טעלמא שטערן און איך בין נישט מעהר ווי אן איינפאכע מיטגליד און איך וועל זעהען צו ווערען פרעזידענטין און דו זעה צו ווערען פרע־זידענט פון דער אידישער געמיינדע.

מ י י ז ע ל

פיין, שפרה'לע. איך זעה, אז מיר זיינען ווי צוגעפאסט איינער צום אנדערען. גאלדשטיין האט ניט געוואוסט ווי דיר אפצושאצען און איך האב דיר און ביי מיר בלייבסטו. (נעמט איר ארום און קוסט איר אויף ביידע באקען)

ש פ ר ה

שוין! שוין! משוגענער, לאז אב, ווערסט האבען צייט שפעטער א ביסל.

מ י י ז ע ל

אזוי לאנג ווי איך בין געווען פייזעל דער שדכן איז מיר די וועלט ניט

ניחא געווען. איך האב געהאסט די גאנצע וועלט און באזונדערס
זיי, אונזערע אידען די פאסקודניאקעס. א ליאדי פארך האב איך
געדארפט חנפענען, זיך אונטערלעקען, זיך מאכען פאר געפיינערט
און מיין גאנצע קענטנים באהאלטען, קיינער האט ניט געטארט ווי-
סען אז מייזעל דער שדכן איז א געוועזענער עקסטערניק און א גע-
וועזענער שטודענט פון בערנער אוניווערזיטעט. און דאך האב איך
דאמאלס געמאכט א לעבען און זיך דערשלאגען צו עטוואס. און
איצטער אוים מייזעל דער שדכן, אוים מייזעל דער שוחט. איצטער
וויל איך ווערען מארקוס מייזעל, דער פירער און טאנגעבער פון די
גאנצע אידישע געמיינדע אין מעקסיקא. טאקע איך האס זיי אלע-
מען, איך שפיי זיי אין פנים אריין ביי מיר און הארצען, אבער צו
געשעפטען קען עס געוויס נוצען. נאר איין זאך, איך האס בען
שטרויכערן צום טויט. שוין א געוויסע צייט ווי איך קלייב זיך
איהם אבצוראמען פון וועג, קויקענען איהם אהן א מעסער. ווען
איך בין נאך געווען מייזעל דער שוחט— באה! איך לאך נאך אלץ
אין די הויפען ווי אזוי איך בין געווארען א שוחט. ווען איך בין נאך
געווען אין בערן אויף געהאקטע צרות און נישט געהאט אפילו אויף
ברויט האט מיר דער דארטינער שוחט אנגעבאטען אים ארויסצוהעל-
פען אין דער שחיטה. ביסלעכוויז האב איך זיך אויסגעלערנט די
מלאכה און טאקע דער דארטיגער רב, א גרויסער בעל תורה, האט
מיר געגעבען א כתב אז איך קען זיין א שוחט. איצטער איז אלץ
פארגעסען. ווער עס איז א פיינער און ארענטליכער מאן וויל מיר
ניט דערמאנען אום ניט צו האבען מיט מיר צו טאן. און ווער עס
איז א שווינדלער אדער א געוועזענער שווינדלער האט גאנץ איינפאך
מורא פאר מיר. אבער בען שטרויכער איז אנ׳ענערגישער מענטש,
א שטיקעל שרייבער, פירט די „אידישע שטימע" אין א געלאסע-
נעם וועג, ריהרט קיינמאל קיינעם אן. אט דאס געפעלט מיר גע-
ראד ניט. מען דארף זעהן ארויסצורייסען איהם די צייטונג פון
האנד. א פאר פון די גבירים זיינען שוין מיט איהם איצטער ניט
צופרידען. שמערלזאן אליין האט מיר געזאגט אין קלוב אז בען
שטרויכער האלט צו פעסט די לייצעס אין האנד. קאלטערמאן און
אגוסטקאווסקי זיינען געגען איהם. פיסעלטאנין, קריוואנאס גאדעל,
אסטראווסקי און אנדערע שרייבער און רעדנער שארפען אויף איהם

די ציינער, ווייל ער נעמט נישט אן זייערע ארטיקלען. איך ווייס
וואס איך האב צו טאן. די שפרה רעד זיך דורך מיט די פרויען, גיב
זיי צו פארשטיין אז מען דארף האבען פאר „די אידישע שטימע" א
קלינערען און אינגעריען מענטשען פאר רעדאקטאר ווי בען שטרוי-
כער, זעה די פרויען אריינצונעמען אין האנד און איך וועל ווערען
פרעזידענט פון די אידישע געמיינדע אין מעקסיקא. צוערשט נאך
ארויסווארפען בען שטרויכער'ן איפ'ן מיסט ווז ער געהערט. ביל-
דונג, קונסט, ערציהונג, קענטנים, דאס זיינען נאר לעדיגע ווערטער.
גאדעל, פיסעלטאנין, אסטראווסקי האבען אויך אזוי פיל בילדונג ווי
ער און אפשר נאך מעהר פאר איהם. אנומעלט האט ער פון מיר
געשריבען אין די „אידישע שטימע" אז מייזעל דער שדכן האט ארונ-
טערגענומען די בערדעל און איז געווארען מייזעל דער אינטעליגענט,
מייזעל דער פירער. „נסים"— זאגט ער-- „טרעפען נאך היינטיגע
צייטען אויך". ער וועט מיר דערפאר באצאלען.

(עסט אב שנעל, נעמט זיין פארטפעל, קושט זיין פרוי און גיעהט ארויס)

דריטע סצענע

א געהיימער מיטינג אין קלוב.

מייזעל, שמערלזאן, קאלטערמאן, אגוסטאווסקי, גרינבערג, פינקעל, קריוואנאס.
שמערלזאן פארזיצענדער.

שמערלזאן

פריינד. ווי איר ווייסט געהט די „אידישע שטימע" ווייט נישט אזוי
צופרידענשטעלענד ווי עס האט געדארפט זיין. עס איז אמת, די
צייטונג איז זעהר געלעזען און באליבט ביים אידישען פובליקום, אבער
בען שטרויכער האט זיך פארנומען אויף הויכע דרכים, קוקט אויף
אלעמען אראב, האלט זיך שטאלץ און דאך האבען מיר איהם ארויפ-
געזעצט אויפ'ן רעדאקטאר שטול און מיר קענען איהם אראבזעצען.

אנומעלט באגעגנען איך איהם אין גאס, זאגט ער צו מיר: „סעניאר שמערלזאן, וואס הייסט איר זייט געווארען אזעלכע גוטע פריינד מיט מייזעל דעם שדכן, איר זייט איהם דאנקבאר, הייסט עס פאר'ן שדוך וואס ער האט אייך גערעט." ווער איך רויט ווי א בוריק און פאר כעס קען איך איהם אפילו א ווארט נישט ענטפערן. „מייזעל דער שדכן, מייזעל דער שדכן" — זאג איך צו איהם — „וואס הייסט מייזעל דער שדכן? ווער רעדט איצטער פון מייזעל דעם שדכן? מארקוס מייזעל איז אזא אינטעליגענט ווי איך און איר". ענטפערט ער מיר מיט א שמייכעל: „מייזעל דער שדכן איז אמאל געוועזן אן עקסטערניק, דערנאך א שטודענט, דערנאך א שוחט, דערנאך א שדכן, דערנאך א רעדאקטאר, דערנאך האט ער זיך צוגעשדכענט נאלדשטיינס פרוי, דערנאך איז ער געווארען א מאכער אין די געמיינדע און איצטער וויל ער ווערען פרעזידענט". זאג איך: „וואס הייסט פרעזידענט? ווער וויל איהם דען מאכען פאר א פרעזידענט?" זאגט ער צו מיר: „פארדרעהט ניט קיין ספאדיק, איך וויים וואס איך רעד". א חוצפה, זאג איך אייך, מיר שמערלזאנען דעם אנגעזעהענסטען מענשען אין מעקסיקא אנצורירען אזוי גראב. מיר מוזען זעהן איהם ארונטער צו ווארפען. לאמיר זעהן צו ער קען מאכען א לעבען פון פאעזיע. זאל ער ווייטער געהן פאעטיזירען. אראב פון בענקעל!

אלע מיט אמאל

אראב פון בענקעל!

ש מ ע ר ל ז א ן

וועגען דעם פלאן ווי אזוי דאס צו טאן האב איך זיך דורכגעשמועסט מיט מארקוס מייזלען. מיר'ן זעהען אויף די נעכסטע גענעראלפארזאמלונג פון די „אידישע שטימע" אסאציאציע איהם ניט אויסצוועהלען. אונזער פריינד מייזעל האט שוין דעם פלאן פארבערייטעט. מיר'ן ארויפפאלען אויף איהם פון אלע זייטען און וועלען פארשרייען זיינע אנהענגער און ער וועט געצוואונגען זיין צו רעזיגנירען. זייט איר אלע איינפארשטאנען?

אלע מיט אמאל

איינפארשטאנען.

מ י י ז ע ל

פאר רעדאקטאר האבען מיר נישט קיין פאסענדערען מענטשען ווי קריוואנאס. א מענטש מיט בילדונג, מיט קענטניס, מיט ערפאהרונג אין מעקסיקאנער לעבען, ער וועט פיהרען די צייטונג צו אונזער בעסטער צופרידענהייט.

ש מ ע ר ל ז א ן

פריינד, איר האט אלע געהערט סעניאר מייזעל'ס פארשלאג צו וועהלען קריוואנאסען פאר רעדאקטאר אויף אונזער נעכסטע גענעראלפארזאמלונג. ווער האט עפעס צו זאגען אין די אנגעלעגענהייט?

ק א ל ט ע ר מ א ן

קיינער פון אונז, גלויב איך, איז ניט דאגעגען. מיר קענען קריוואנאסען פאר א שרייבער און טהעטיגען מענשען. מיר נעמען אן דעם פארשלאג.

ק ר י ו ו א נ א ס

אויב די טענדענץ און די אריענטאציע פון די געעהרטע פארזאמעלטע איז אזא אז מען האנארירט מיר מיט אזא הויכע פאזיציע וועל איך טאן אלעס מעגליכע צו פארדינען אייער קאנפיאנצא און מיין גאנצע אמביציע וועט אבהייגען נאר פון איין קאנדיציע: אלעמען וואס זיינען דא דא צו סאטיספיצירען אין אלע הינזיכט און דע טאדאס מאדאס.

ש מ ע ר ל ז א ן

אלזא ניט פארגעסען, פריינד, די פארזאמלונג קומט פאר אין קלוב נעכסטען פרייטאג. שרייט איר אלע אנוועזענדע און אייערע גוטע פריינד בען שטרויכערן ארונטער און מיר'ן האבען א נייעם רעדאקטאר.

(אלע געהען זיך פאנאנדער)

פערטע סצענע

א פארזאמלונג פון די „אידישע שטימע״ אסאציאציע אין קלוב. פארזיצענ-דער שמערלזאן.

ש מ ע ר ל ז א ן

פריינד און מיטגלידער. אייך איז אלעמען באקאנט דער נעגענ-שטאנד פון היינטיגען מיטינג. מיר האבען צוזאמענגערופען היינ-טיגע פארזאמלונג אויסצוהערען א באריכט פון אונזער רעדאקטאר, סעניאר בען שטרויכער, אום צו זעהען אויב מען קען איהם וויטער לאזען אין אמט אדער אויב מען דארף אויסוועהלען אן אנדערען אויף זיין שטעל. דאס ווארט האט סעניאר בען שטרויכער.

ב ע ן ש ט ר ו י כ ע ר

פארזיצענדער און פריינד. ווי איר ווייסט בין איך א מענטש פון וועניג ווערטער. איך קען בעסער שרייבען ווי רעדען. פאר די לעצ-טע צוויי יאהר בין איך געוועזען רעדאקטאר פון די „אידישע שטימע״. איך האב געזוכט צו האלטען די צייטונג אויף די שטופע וועלכע זאל אם בעסטען פאסען פאר די איינגעוואנדערטע רוסישע, פוילישע, עסטרייכישע און רומענישע אידען. די צייטונג האט זיך פארנאנ-דערגעוואכסען און איז געווארען א מאכט אין מעקסיקא. זי איז ארויס פון דעם רשות פון אירע גרינדער און איז געווארען דאס אייגענטום פון די גאנצע אידישע געמיינדע. דער קאסירער און פינאנץ-סעק-רעטאר וועלען אייך אבגעבען א גענויע רעכנונג וועגען די איינגאמען און אויסגאבען. מיין פליכט אלס רעדאקטאר האב איך דערפילט מיט געוויסענהאפטען פארטרויען אין מיין פריהערע ערפאהרונג, בילדונג און קענטניס און נאר דאדורך שטעהט די צייטונג אויף אזא גלענצענדע שטופע ווי איצטער. איך האב מעהר גארנישט וואס צו זאגען (ועצט זיך אנידער).

גרויסע אפלאדיסמענטען

מ י י ז ע ל

סעניאר פארזיצענדער, איך בעט דאס ווארט.

ש מ ע ר ל ז א ן

סעניאר מייזעל האט דאס ווארט.

מ י י ז ע ל

בען שטרויכער מיינט אז מיר זיינען קינדער. ער דערציילט אונז א מעשה אז די צייטונג שטעהט גוט. מיר ווייסען דאס אהן איהם. (א געלעכטער אין פובליקום) ער זאגט אז ער איז א געוויסענהאפטער מענטש. יע, פאר אונזער געלט איז ער א געוויסענהאפטער מענטש (א גרויס געלעכטער אין פובליקום). ער זאגט דער קאסירער און פי-נאנץ-סעקרעטאר וועלען אפגעבען רעכנונג. א שענעם דאנק אייך דערפאר הערר רעדאקטאר (נאך לאכען אין פובליקום). ער זאגט די צייטונג שטעהט אויף א גלענצענדע שטופע. איך פארזיכער אייך אז די צייטונג וואלט געקענט זיין אביסל מעהר גלענצענד (ווידער לא-כען אין פובליקום). בען שטרויכער האט שוין גראהע האר, א סך מעהר גראהע האר ווי איך, אלזא שוין אן אלטער איד. צו וואס דארפען מיר אזא אלטען אידען פאר א רעדאקטאר, איננערע לייט זיינען דא מיט מעהר קענטנים ווי ער. א מענטש אז ער ווערט אלט ווערט ער שוואך, א שוואכער מענטש קען שוין ניט אזוי ריכטיג דענקען און שרייבען ווי א יונגער מענטש. אין זיין שרייבען האבען מיר באמערקט אז ער איז שוין ניט אזוי טיף ווי פריהער. בען שטרויכער טויגט ניט פאר א רעדאקטאר, מיר מוזען האבען אן אנדערען.

א סך שטימען פון מיטגלידער

מיר ווילען אז בען שטרויכער זאל בלייבען.

אנדערע שטימען

מיר דארפען איהם ניט האבען, צו אלט, א יונגערען מענטשען. אראב בען שטרויכער!

אנדערע שטימען

אראב פון בענקעל!

ב ע ן ש ט ר ו י כ ע ר

אונטער אזעלכע אומשטענדן; זעה איך ניט די מעגליכקייט ווייטער צו בלייבען אלס רעדאקטאר פון די „אידישע שטימע”. איך רעזיגניר.

ש מ ע ר ל ז א ן

פריינד, איר האט אלע געהערט די רעזיגנאציע פון בען שטרויכער. נעמט איר זי אן?

א סך שטימען

מיר נעמען ניט אן. מיר ווילען בען שטרויכער זאל פארבלייבען.

א סך שטימען

אננעמען, אננעמען.

ב ע ן ש ט ר ו י כ ע ר

אונטער קיינע באדינגונגען וועל איך נים פארבלייבען. איך רעזיג־ניר. (פארלאזט דעם זאל)

ש מ ע ר ל ז א ן

פריינד, איר האט אלע געהערט אז בען שטרויכער האט אינגאנצען רעזיגנירט. שלאגט פאר אן אנדערען רעדאקטאר.

אייניגע שטימען

קריוואנאס, קריוואנאס, קריוואנאס, פאר רעדאקטאר.

ש מ ע ר ל ז א ן

איר האט אלע געהערט דעם פארשלאג קריוואנאס פאר רעדאק־טאר. ווער איז דאגעגען?

(עס הויבען זיך אויף א סך הענט)

ש מ ע ר ל ז א ן

זעהר וועניג דאגעגען. דאמיט ערקלער איך סעניאר קריוואנאס פאר איין יאהר רעדאקטאר פון די „אידישע שטימע”. דאס ווארט האט סעניאר קריוואנאס.

ק ר י ו ו א נ א ס

איך גיב אלעמען גראסיאס פאר דעם גרויסען האנאר פון עלעחירט צו ווערען אלס רעדאקטאר פון די „אידישע שטימע”. צו אלע צייטען האט זיך געפירט אז די שטימע פון פאלק איז געווען באטראכט אלס די שטימע פון גאט. מיר אבער וועלכע גלויבען אין די גערעכטיקייט פון פאלקסשטימונג זעהען אין דעם א באווייז אז דאס פאלק ווייס ווי זיך צו רעגירען. ביי אונז דא איז נישטא קיין זעלבסט־הערשונג, קיין גרויסהאלטעריי, קיין ווינקעלפאליטיק. דער פאל איז דא אז אן עלטערער מענטש איז געווען אונזער רעדאקטאר. אלטע אידען האבען א פלאץ אין שול וו זיי קענען רוהיג תהילים זאגען און דארפען נים זיין קיין רעדאקטארען פון צייטונגען. די אסאצי־יאציע און די אריענטאציע האלט זיך פעסט אין אונזער ארגאניזאציע די טענדענץ בלייבט אונבארירבאר. איך גיב אייך נאך א מאל מיל סינסעראס גראסיאס.

(גרויסע פאטשעריי און בראווא)

פארהאנג פאלט.

עפּילאָג.

זייט די פּאסירונגען וואס ווערען באשריבען אין מיין פאָרליגענדע טראַגיקאָמעדיע זיינען פארגעקומען פארשידענע ענדערונגען. מארקוס מייזעל האט זיך צוקריגט מיט שמערלזאנען און האט איהם ארויסגעשטופּט פון עפנטליכען לעבען. מיט קריוואנאסען האט ער גאר קיין שהיות ניט געמאכט, געהייסען איהם נעמען האק און פּאַק און ארויס פון רעדאקציע, און רעדאקטאר איז געווארען טאקע מארקוס מייזעל אליין. מען זאגט אז ער האט געוואונען אין לאטעריי גאנצע 200,000 פּעזאס און געהט עפנען אן'אייגענע באנק. קיין פּרעזידענט איז ער נאך ניט געווארען, נאר ער דארף דאס ניט האבען. ביסלעכווייז האט ער ארויסגעשטופּט אלע די הויפּט טוער און פארטרעטער פון די עפענטליכע מיינונג אין דער אידישער געזעלשאפט אין מעקסיקא און איז געווארען דער אליינהערשער און בעל הבית. קיינער ווייס אין סעניאָר מארקוס מייזעל וועלכער איז תמיד אנגעטאן שפּאָגעל נייע, מיט א צילינדערהוט, מיט ווייסע הענטשקעס און פאהרט ארום אין זיין גלענצענדען אויטאמאביל ניט דערקענען מייזעל דעם שדכן פון 7—8 יאהר צוריק.

פון שמערלזאנען הערט מען זעהר ווייניג. זעהר זעלטען זעהט מען איהם אויף א מיטינג אדער אין א קלוב.

בערלזאן האט מיר צוגעשיקט א בריף וועלכען ער בעט מיר צו פארעפענטליכען. אין „אונזער לעבען" איז דערשינען אן ארטיקעל אונטער דעם טיטעל „הפקר פּעטרישקע" אין וועלכען מען קריטיקירט מיין קאמעדיע „בערלזאן און שמערלזאן". די קריטיק באשטעהט דערין אז בערלזאן רעדט ניט „ווי א מענטש", הלמי זאגט ער „ווי א ציג מיט אן אָקס". איך גיב דא איבער דעם בריוו אין גאנצען ווי ער שטעהט און געהט:

„מיסטער הפקר פּעטרישקע.

איך האב געלעזען אייער ארטיקעל אין „אונזער לעבען" אין וועלכען איר פאלט אָן אויף מיר פארוואָס איך זאג צו שמערלזאנען: „מיר בלייבען שותפות ווי אן אָקס מיט א ציג". איר זאגט אז עס איז ניט קיין פּאָעטישער אויסדרוק. אפשר אז איך וואלט געווען אזא פּאָעט ווי יאַנקעלע גינגאָלד וואס דראַפּעט זיך אויף די ווענט און שרייט חי וקים וואלט איך זיך אויסגעדריקט אביסל מעהר דייטשמעריש און פּאָעטיש און וואָלט דאַן געזאגט צו שמערלזאנען: „ווער בלייבען שותפים זאָ ווי איין אָקס אונד איינע ציגע". בין איך אבער נישט אזא גרויסער פּאָעט ווי ער און זאג פּראָסט אויף מאמע לשון. וואס קומט מיר דערפאר, מר. פּעטרישקע?

אייער פריינד

י ו נ ה ב ע ר ל ז א ן."

מיט בען שטרויכער'ן האב איך זיך געזעהען א פּאר וואכען צוריק. מען זעהט איהם זעהר ווייניג אין דער אידישער גאס, ער שרייבט ווייטער לידער און איז פארטיפט אין וויסענשאפטליכע שטודיען. אפשר וועלען מיר זיך נאך ווידער באגעגענען מיט איהם אין איינעם פון מיינע פאָלגענדע ווערק.

איך דאנק דעם לעזער.

דער פארפאסער.

דיזעס ווערק ווי אויך די פאָלגענדע ווערק פון דעמזעלבען פארפאסער:

די מכשפות א פאַנטאַסטישע דראַמע אין 5 אַקטען

בערלזאָן און שמערלזאָן אין מעקסיקאָ

קאָמעדיע אין איין אַקט

קען מען באַקומען ביי

ק. בוראוויק

קאַפּוטשינאַס 118 מעקסיקאָ.

נײַע-מאַשינען נײַע און געניצטע צו באַקומען

ביי:

C. BUROWICK

Agente De La

Cia. Singer de Máquinas de Coser

Capuchinas 118 - México, D. F.